קרוינען צום קאָפּ פון יידישער קריטיק

1.

דער לעזער און דער קריטיקער

דער דיכטער, אָט דער מענטש, וועלכער אין משך פון זיין לענגערן אָדער, אָפּט, פון זיין קירצערן לעבן איז פאַרמשפּט טראָפּנווייז, שטיקערווייז צו פאַרברענען זיינע נערוון און זיין מאַרך ביים שפּירן און דורכשפּירן, ביים דענקען און אויסדענקען מאָטיוון און קאָנסטרוקציעס, שטאָפן און אָרנאַמענטן, — ער, משמעות, האָט שוין געבראַכט מיט זיך אויף דער וועלט אַזאַ גורל, אַז ער זאָל אייביק מוזן טראַכטן.

בשעתן שאַפן קלערט מען וועגן פאַרזאַמלען דעם חומר און מען טרוימט וועגן דער צורה פון דעם ווערק. און האָט מען שוין מיט מזל די שאַפונג געענדיקט, מוז מען ווידער נעמען טראַכטן, אָבער שוין וועגן אַ סביבה אַ נייער, אַן אויסערלעכער. איצט האָט מען ווידער פאַר זיך געשטאַלטן, נישט קיין אייגענע, נישט קיין אויסגעחלומטע, נאָר פרעמדע, זייטיקע, צוגעקומענע אָבער באַדערפטיקע.

און זיי שפּירן זיך היימיש די דאָזיקע געשטאַלטן. זיי ווייסן, אַז זיי זענען נייטיק, און זיי קומען־צו דרייסט, נאָנט, שטעלן זיך האַרט נעבן שעפער, נעמען אים אַן פאַר בײדע הענט. פון איין זייט דער לעזער, פון דער צווייטער — דער קריטיקער.

נעמט דער דיכטער און צעשפּרייט די הענט. ווערט צווישן זיי אַ ברייטער הבדל. דעם לעזער נעמט ער אויף מיטוואָך, ווען עס עק־

זיסטירן מאַטעריעלע דאגות, דעם קריטיקער באַהאַלט ער אויף שבת, ווען מען קען זיך אָפּרוען, געניסן פון כל טוב און הערן זינגען „זמירות״... פון לעזער וויל ער ציען חיונה, דעם קריטיקער שענקט ער אַ בוך אומזיסט און נאָך מיט אַ דעדיקאַציע... זיי בילדן אייגנטלעך ביידע איין גאַנצן, איין נייעם אָרגאַניזם, נאָר דאַרף דאָס דער ערשטער זיין דער גוף און דער צווייטער — די נשמה.

אָבער צי איז טאַקע פאַראַן צווישן זיי אַזאַ ווייטער מהלך? צי איז איינער ווירקלעך אויף אַזוי פיל העכער פון צווייטן? וועגן דעם לוינט אויך אַביסעלע אַ טראַכט צו געבן.

מיט וועלכן אינטעלעקטועלן זאַפּאַס קומען זיי צום בוך? נאָך מיין מיינונג ברענגען זיי ביידע — פּקחות.

נאָר ס׳זענען פאַראַנען צווייערליי קלוגשאַפטן אויף דער וועלט. ביידע דערגרייכן נאָך נישט דעם שענסטן פונקט אין דער אויפפאַסונג פון ווערטן און פאַסירונגען. אָבער צווישן זיי גופא איז שוין פאַראַן אַ גרויסער חילוק. די ערשטע איז מגושמדיק און פרימיטיוו, די צווייטע — שוין דערהויבענער, אידעלער, כאָטש איר פעלט נאָך אויך אַ סך ביז דעם העכסטן שטאַפּל. דער אונטערשייד צווישן זיי איז דער, וואָס די ערשטע האַלט זיך פאַר קלוג, ווייל זי טראַכט נישט פון קיין שום אַנדער דאַוויין אַ חוץ פון זיך אַליין; די צווייטע איז קלוג, ווייל זי ווייסט, אַז מען קען זיין נאָך קליגער...

איך וויל זיין דייטלעכער. פאַראַן אַ קלוגשאַפט, וואָס זעט נאָר דאָס, וואָס מען קען מיטן ערשטן בליק דערזען, הערט נאָר דאָס, וואָס מען קען גלייך דערהערן. זי קען זיין פול מיט ענערגיע, רייך אין איניציאַטיוו. נאָר איר ענערגיע איז אין אַ גרויסער מאָס חיהש, און איר קאַמף האָט אין זיך די לוסטיקייט פון צעבושעוועטע אָקסן. מענטשן, וואָס באַזיצן אָט דעם סאָרט פאַרשטאַנד, האַלטן זיך פאַר גרויסע חכמים, ווען עס גייט זיך זיי עפּעס איין. עס געלינגט זיי איינצואָרדנען זייער וועלטל באַקוועם און צופרידן. זיי לעבן זיך זייער גוט. זייער לעבן כאַפּט פון אַלץ וואָס ליגט אויבן־אויף. מען קלערט נישט פון

וואַגען און צוליב וואָס. אַלץ ווערט אַ ציל פאַר זיך. האָט טאַקע פאַר זיי געלט, למשל, אַ דאָפּלטן ווערט. ערשטנס דערפאַר, וואָס עס איז געלט, און צווייטנס דערפאַר, וואָס עס איז „זייער" געלט. און אַזוי מיט אַלע זאַכן.

פאַראַן נאָך אַ מין קלוגשאַפט, וועלכע קוקט נישט אויף אָביעקטן און געשעענישן פאַנאַנדערגעריסן און צעשאָטן. זי באַגעגנט זיי שוין צונויפגענעגלטע, געקייטלטע. זי נעמט נאָך נישט אַרום די גאַנצע קייט פון פּראָצעסן, אָבער זי זוכט שוין דאָס געזעץ פון די זאַכן. פאַר אַזעלכע מענטשן הייבט אָן שטילערהייט, כמעט צופעליק נתגלה צו ווערן דער זינען, וואָס איז באַהאַלטן אין יעדן עצם. זייער פאַרגעניגן איז שוין נישט קיין תכלית פאַר זיך. זייער פרייד איז נישט דאָס אייגענע וואָס אַ שטיק פלייש פאַר אַ הונט. ווען אַזעלכע געניסן, איז דער גענוס שוין גערייניקטער, געאיידלטער, ווייל גלייכצייטיק געלינגט עס זיי אַרויסצובאַקומען, אויב נישט אַלע, איז על כל פנים איניקע פון די סיבות, אָדער איניקע פון די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן גענוס.

דאָס איז נאָך נישט דער גרויסער שכל, וואָס עגבערט דורך און פאַרמעסט זיך צו דערגרונטעווען די טיפענישן פון דעם וועלט־אַל. עס קען בלויז זיין דאָס, וואָס מען רופט אָן געוויינלעך: לעבנס־חכמה. אָבער אַ מדרגה איז עס שוין.

דער ייד, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געשאַכערט־געמאַכערט, און פאַרנאַכט, ווען דער מאַרק ווערט אָפּגעליידיקט, שטייט ער ביי די טירן־שויבן פון זיין געוועלב און קוקט אַרויס, ווי כלבים לעקן די זאַלץ־שיריים, וואָס איז געבליבן נאָך די מאַרק־שטייערינס, ווי שאָטנס באַקלאַבערן די הויכע, שווייגנדיקע מויערן, — און עס ווערט אים, דעם דאָזיקן קרעמער, עפּעס אַזוי מאָדנע נישט־פאַרשטענדלעך־ביטער־לעך אונטערן האַרץ־ברעטל; די יידענע, וואָס אין פלוג שטייט זי גאַנץ גלייכגילטיק, קוקט און הערט ווי דער שוחט מאַכט אַ ברכה איבער דער הון, און מיט איין מאָל, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, מוז זי צומאַכן די אויגן, און שפּעטער, אַז זי גייט אַהיים מיטן געקוילעטן עוף

אין פאַרטוך, גייט זי און קרעכצט עפּעס און קרעכצט, כאָטש אייגנטלעך איז דאָ גאָרנישט געשען; דער אַרבעטער, וועלכער זיצנדיק היינט ביי דער אַרבעט איז מיר־נישט דיר־נישט פּלוצלינג געוואָרן פאַר־כמורעטער און פאַרעקשנטער ווי אַלע מאָל. ער זיצט דאָך שוין דאָ ביי דער מאַשין אַ שפּאַר ביסל טעג. נאָר היינט ביטאָג האָט איינער אַ נישט־געזעענער אים אַנגענומען ביי דער האַנט און זי צונויפגעלייגט אין אַ פויסט, און די צווייטע האַנט זיינע האָט מיט אַ ירגזון אַ שליידער געטאָן אַ שטיק געוואַנט אויף דער ערד.

אַט די אַלע מענטשן זענען אוממיטלבאַרע, כאָטש בלויז התחלה־דיקע פילאָזאָפן. זייער דענקען דערגייט נישט ביז גאָר ווייטע פּערי־פעריעס. אָבער זיי האָבן שוין אַנגעהויבן לייענען די ערשטע אותיות פון יענעם אלף בית, וואו אַלע קעגנשטאַנדן און צופאַלן זענען געצייכנט אַלס סימבאָלן. דאָ איז שוין דאָ פאַרטראַכטונג וועגן די אורשפּרונגס און פּועל יוצאס פון די לעבנס־שטיקער, וואָס רינגלען אונדז אַרום. פ אַ ר ט ר אַ כ ט ו נ ג, אָבער נישט ד ע ר ט ר אַ כ ט ו נ ג. זייער געדאַנק דערגייט נישט צום ענד־ציל.

דאָס לעצטע געהערט שוין צו דער דריטער קאַטעגאָריע פון פאַר־שטאַנד, צו יענעם הויכן שכל, וועלכער לאָזט נישט איבער קיין ליידיקן פלאַץ, נאָר וועלכער לאָזט זיך אָנועק ברייט און ווייט און נעמט אונטער זיין ממשלה אַלע פראַגן, וועלכע פייניקן דעם באַוואוסטזיין פונעם מענטשן און זיין עמפּינדונג.

איך האָב זיך אַזוי פיל וועגן דעם צעשפּרייט, ווייל איך האַלט, אַז אונדזער יידישע אָפיציעלע קריטיק האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט דערגרייכט צו אָט דעם דריטן סוג פאַרשטאַנד. אונדזערע קריטיקער (איך נעם אַרויס פון כלל ש. ניגערן, וועגן וועלכן מיר וועט נאָך אויסקומען צו ריידן באַזונדער), האַלטן זיך כסדר ביי דער דערמאָנ־טער צווייטער חכמה.

פּונקט ווי אין לעבן, אַזוי שפּילן זיך אָפּ די ערשטע צוויי מדרגות אויך אין דער דיכטונג. נאַטירלעך, קומט עס דאָ פאָר אין אַ העכערן

מאָסשטאַב, אין אַ ריינערער אַטמאָספּערע, אָבער די פאָרם פון די גראַדאַציעס איז די אייגענע. און זייער פּלאַץ פאַרנעמען זיי ביי אונדזערע לעזער און אונדזערע קריטיקער.

דער לעזער, אַפילו דער בעסערער, איז כלל נישט מחויב זיך צו גריבלען און אַרויסגעפינען די פּסיכישע פאַקטאָרן, וועלכע זענען גורם צו דער פּראָדוקצירונג פון ליטעראַרישע ווערטן. און ער טוט טאַקע אַזוי. ער זעט נישט דעם לאַנגן אומענדלעכן טיולענעם באַנד, וואָס הילט איין אַלע קונסט־אַנטפּלעקונגען און מאַכט פון זיי איין גאַנצעס. וואָס גייט עס אים אָן? ער נעמט אָפּגעטיילט, פאַנאַנדערגערוקט. יעדעס בוך איז פאַר זיך, יעדער שרייבער — אַן אַנדערער. ער נעמט זיי אַזוי ווי זיי זענען. ער האָט געניג צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס אין דעם בוך; זיך חקרנען וועגן דעם בוך — דאָס גייט שוין אַרויס פון דעם גדר לעזער. און פּונקט ווי יענע „קלוגע" ווייסן נאָר איינס — אַריינ־צוכאַפּן וואָס מער פאַרמעגן, אַזוי שלינגט דער לעזער אויך אַריין וואָס מער ראָמאַנען, וואָס מער דראַמען. מאַכט זיך דאָך אָפּט, אַז אין אַ שמועס מיט געניג אינטעליגענטע מענטשן, דערציילן זיי אייך מיט אַ צעשטראַלטן פּנים: „אַ, אין דער לעצטער צייט בין איך דורכגעגאַנגען עטלעכע ווערק ושעראַמסקים". „אַ, כ'האָב איבערגעלייענט די לעצטע וואָכן אָפּאַטאָשוס אַ פּאָר בענדער". און דער „אַ" ווערט אַרויסגעזאָגט אַזוי הרחבת־הדעתדיק, אַזוי נחת־רוחדיק, אַז איר דערקענט גלייך: דאָס סאַמע „דורכגיין", דאָס „איבערלייענען" גופא איז פאַר זיי אַ גרויסע באַלוינונג. דאָ קומט פאַר דאָס אייגענע וואָס דאָרט אין דער וועלט בנוגע מאַטעריעלע עצמס. דאָרט האָט דער רייך־געוואָרענער אַ צווייענ־דיקע פרייד. ערשטנס, עס איז דאָך עפּעס געלט. און צווייטנס, איז דאָס געלט מיינס. דאָ איז אויך דער גענוס אַ דאָפּלטער. מען טראַכט זיך: ערשטנס, איז דאָך עס עפּעס ליטעראַטור, און צווייטנס, האָב איך די דאָזיקע ליטעראַרישע שאַפונגען אין מיר אַריינגעזופּט... צו וואָס זיך פּלפּולן וועגן מחבר, ווען דער גאַנצער ענין איז שוין איבערגעגאַנגען אין זייער רשות? דער שרייבער ווערט אָפּגערוקט

אין הינטערגרונט. דעם הויפט־פּלאַץ פאַרנעמט יענע פּערזאָן, וועלכע דער לעזער האָט צו זיך אַריינגעקריגן, — דער העלד פון בוך. שטענ־דיק ווען אין הער ווי לעזערינס — אַפילו גאָר פיינע לעזערינס — ריידן מיט התפעלות, מיט בליצן אין די אויגן וועגן פרויען־טיפּן אין דער בעלעטריסטיק, בלייבט ביי מיר נישט קיין שום ספק, אַז מיין מיינונג איז אַ ריכטיקע. עס ווערט מיר קלאָר, אַז די דאָזיקע מענטשן, הגם אַ דיכטער איז ביי זיי אַ וואָזשנער יחוס, פונדעסטוועגן האָט „מערי״ פאַר זייערטוועגן הונדערט מאָל מער ווערט און באַדייטונג פון שלום אַשן... נאַטירלעך, ווען זיי וועלן טרעפן דוד בערגעלסאָנען אין גאַס, וועלן זיי אים נאָכקוקן, וועלן גוט אַכטונג געבן, ביי וועלכן שוי־פענסטער ער שטעלט זיך אָפּ און ווי אַזוי ער זעצט זיך אַריין אין אַ דראָזשקע. האָט אָבער נאָר דער פורמאַן אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדל — איז בערגעלסאָן אַוועק. נישטאָ אים. אָבער „מירעלע״? דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. וועגן „נאָך אַלעמען״ חלומט מען חדשים לאַנגע, יאָרן גאַנצע. נישט ווילנדיק, פון זיך אַליין נעמט זיך עפּעס קלערן, קאַלקולירן. אַ פאַנטאַזיע־נאָדל לויפט אַרום אין בלוט: ווי וואָלט עס טאַקע אויסגעזען, ווען מען איז אַליין אַ ווייב פון אַזאַ יונגנמאַן זיידענגאָווסקי און מען האָט אַזאַ שוויגער... און צו דעם נאָך אַ הוספה ביי דער זייט אַ פאַר געליבטע, וואָס זענען אַזוי פאַרנאַכטיק־שטיל, אַזוי ווייטיקדיק־דיסקרעט, אַזוי פאַטאַל־אויפריכטיק.

וועגן אויטאָר דערמאָנט מען זיך אין אַן אויסערגעוויינלעכן פאַל, ביים שטאַרבן, ביי אַ יובל, אָדער גאָר ווען אַ קאָלעזשאַנקע דערציילט, אַז זי קען זיך מיט אים „פּערזענלעך״. אָבער אויפן נאָרמאַלן וועג לעבט דער לעזער בלויז מיט די געגעבענע געשטאַלטן.

און דער שעפער אַליין? בנוגע זיינע סבות און ווירקונגען, זיין פאַרנעם און קאָנסטרוקציע, זיין גלאַנץ און דורכפאַל, זיין ווילן און פאַרשטעלונג, זיינע וועגן און ביי־וועגן, זיינע מיטלען און נעבן־מיט־לען, — דאָס געהערט שוין צו דעם צווייטן, צו דעם העכערן סאָרט פקחות — צו דער קריטיק.

זי, די קריטיק באַנוגנט זיך נישט מיט אַריינקריגן צו זיך וואָס מער ליטעראַטור. זי געניסט נישט פאַראײנצלט און צעשאָטן. זי נעמט שוין פאַרלייגן די קוישניע, וואו עס זאָל ווערן אויסגעשמידט די רייף, וואָס דאַרף אַרומנעמען און פאַראייניקן. יעדער אַקט, יעדער העלד איז נישט קיין אָפּגעשלאָסנקייט פאַר זיך, נאָר אַ חלק פון אַ פאַרגע־שטעלטער גאַנצקייט. אַלץ וואָס קריטיקער לייענען, ווערט פאַרוואַנדלט אין שטאָף זיי אויפצורעגן, זיי צו באַוועגן. דאָס וואָלט מען געקענט אָנרופן ליטעראַטור־חכמה אין פּאַראַלעל מיט יענער לעבנס־חכמה. די קריטיקער זענען די פיינע געמיטער, וואָס קענען נישט פאַרביי־גיין גלייכגילטיק קיין זאַכן, כאָטש זיי גייען לײדער סיי־ווי פאַרביי, כאָטש זייערע הענט זענען סוף כל סוף צו שוואַך אַרויסצושפּאַדלען די אַלע בליאַסקענדיקע גרודעס פון די גאָלד־גריבער אין דער קונסט.

דער חילוק צווישן לעזער און קריטיקער איז דער זעלביקער, וואָס צווישן צוויי מענטשן, וועלכע טרעפן אַן אָרימאַן אין גאַס און לייגן אים אַריין אין האַנט אַ מטבע: ביידע האָבן עפּעס געטאָן. אין דעם פאַל האָבן ביידע גראָד אַ גוטע טאַט אויסגעפירט: בשעת מעשה האָבן אפשר אויך ביידע געטראַכט. נאָר דעם ערשטנס געדאַנק האָט זיך געדרייט אַרום דעם, אַז מען דאַרף געבן; און גלייך דערנאָך איז ער אַריינגעשפּרונגען אין טראַמוויי און אַרויסגעצויגן דעם נאָטיץ־ביכל נאָכצוקוקן אַ נומער טעלעפאָן און ער האָט די גאַנצע געשעעניש פאַרגעסן, כאָטש מאָרגן וועט ער ווידער געבן און איבערמאָרגן אויך, ער וועט שטענדיק געבן. דעם צווייטן האָט עס געבראַכט צו אַ שטיקל חשבון־הנפש. צו קיין הויכע ענינים וועגן לעזן דעם סוד פון מענטשישן שיקזאַל אָדער סאָציאַלע אומגערעכטיקייט — וועלן זיי ביידע נישט דערגיין. אָבער אַן אונטערשייד איז שוין פאַראַן. די קריטיק איז שוין איינגעשפּאַנט אין טראַכטן.

יאָ, זי פאַרטראַכט זיך, אָבער צי דערטראַכט זי זיך צו עפּעס ממשותדיקס, קאָנצענטרירטס, דורכגראָבנדיקס? צי האָט איר גע־דאַנק הינטער זיך שטיל זיך ציענדיקע, אייביק־געזונטע ערד, און איבער זיך — פּערמאַנענטן און זון־אויפגייענדיקן שוואונג? דאָס וועלן מיר זען אין צווייטן קאַפּיטל.

2.

דער קריטיקער און דער דיכטער

דער קריטיקער איז מיט פיל פּראַצענטער קולטורעלער און עמפּינדלעכער פאַר דעם סתם לעזער. ער קען שאַפן דיסטאַנץ. ער קען אָבסערווירן און תופס זיין אויסגעפּלאַסטישטע פּערזאַנען, אויס־געדיכטעטע אינטריגעס. און וואָס־נישט־איז דערזעט ער, וואָס־נישט־איז ווערט ער געוואָר וועגן דעם צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך אַ שרייבער איידער ער איז, בשעת ער איז און נאָכדעם ווי ער איז קינסטלער. אָבער צי ווערן פון דעם קריטיקערס איינדרוקן און באַנע־מונגען יענע שטיינער, ציגל און ליים, וואָס שמעלצן זיך צונויף, לייגן זיך צוזאַמען און בויען אויס פון זיך אַ ריזיקן, הערלעכן טעמפּל, וואו דיכטער און שעפער זאָלן קאָנען אַריינקומען און דאָרט געפינען אַווירקלעכע לינדערונג, אַן אמתע אָפּרו פאַר זייער כסדרדיקער, אָנ־געשטרענגטער, מאַרטיראָלאָגישער מאַרך־און בלוט־טעטיקייט? צי פאַרמאָגט אונדזער קריטיק דעם געשליפענעם שפּיגל, וואו אַ שרייבער זאָל זיך זען מיט זיין גאַנצער יונגשאַפט און מילך־קלאָרקייט, אָדער פאַרקערט, מיט אַלע זיינע קנייטשן און אָפּגעלעבטקייט? — — — צי שווימט נישט דעם קריטיקערס פעדער אויבן־אויף, אַזוי, אַז קוים וואָס זי וואָגט אָנצורירן דאָס נישט־מאַטעריעלע אָבער חשיבותדיק גייסטי־קע, דאָס וואָס איז שווערלעך ביים ערשטן בליק צו דערזען, אָבער וואָס איז שטאַרק דורכגעליטן ביי דעם בעלעטריסט?

איך געהער לחלוטין נישט צו יענע, וואָס די קריטיק האָט זיי אַמאָל אָנגעטראָטן אויפן הינער־אויג, קענען זיי איר נישט שענקען און האָבן כסדר צו איר תרעומות. איך בין גאַנץ ווייט פון יענע, וואָס מאַכן אָוועק מיט דער האַנט און האַלטן בכלל דעם קריטיקער פאַר אַ שעדלעך און איבעריק באַשעפעניש אויף דער וועלט, ווי שדים, למשל, וועלכע גאָט האָט באַשאַפן ערב שבת בין השמשות... ניין, קריטיק דאַרף זיין און מוז זיין, און איך בין לגמרי נישט אויסן אָפּצולייקענען, אַז אויך אונדזער אָפיציעלע מבינות האָט באַשטימט